STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06688

MIT ZIBN OYGN

Moshe Gurin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַר ש. דוניאן
און זשורנאַל „חשבון"
מײַנע לידער
מיט פֿרײַנדשאַפֿט

משה עורין

חולון, יאַנואַר 1973

משה גורין / מיט זיבן אויגן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פון יידישן שרייבער פאַראיין אין ישראל.

משה גורין

מיט זיבן אויגן

לידער 1966 — 1971

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
תשל״ג — 1973

MOSHE GURIN (Govrin)
With Seven Eyes

משה גורין / מיט זיבן אויגן

צייכענונגען: קופל גורבין

פֿאַרלאַג "המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" Publishing House, 24, Zangwill st., Tel-Aviv, Israel.

©
אַלע רעכט געזיכערט

סידור: משה חמיאל הדפסה: דפוס "חבצלת", הרצליה
setting: MOSHE HAMIEL printing: "HAVATZELET", Herzlia, Israel.

הר הזיתים
כותל מערבי
אין
ליינע
טריערן

ירושלים

א

כ'בין עולה רגל איצט, אַ סך עולה רגל
צו דײַנע לעבעדיקע שטיינער, שטאָט.
אָט נעם איך דיר אַרום אַזוי ווי ס'נעמען
דיך אַרום און אַרום די היגלען.

באַלד וועל איך לייענען גאַנצע גאַסן אָוונט,
שטערן-שריפֿט איז מילד.
ס'בליען קאַרשן אין דײַן שפּעטן הימל
ווען כ'נעם דיך אַרום
און לייג דיך שלאָפֿן
אויף מײַנע הוילע קני.

וועסטו שלאָפֿן אויף מײַנע קני
אַן אָנגעטאָענע אין די זאַכן
מיט אַ קרוין אויף דײַן קאָפּ,
מיט דײַן קרוין — דעם מיגדל דויד.

ב

האַלטן מיר זיךביידע שטאַרק.
ווער האַלט וועמען?
ווער האַלט אונטער וועמען?
מײַן נאָמען איז קוים אַן אַדרעס,
אַ שילדל אויף אַ טיר, אויף אַ קאָנווערט.

ווען ס׳קומט צו מיר אַ בריוו איז ער פֿאַרקלעפּט
פֿון אַלע זײַטן.
אָבער צו דיר דערגייען זיי אָפֿן,
אָפֿענע בריוו אין מיטן טאָג.

דײַנע בריוו זענען די בעסטע עדות
אַז דו ביסט דער איינציקער אַדרעס
וואָס מען שרײַבט און מען וואַרט ניט
אויף קיין ענטפֿער.
מען באַקומט אים גלײַך אויף אַן אָרט —
אין די געשטאַרקטע הענט
און אָנגעפֿילטע אויגן זומער.

ג

מייַן מאַמע פּלעגט דייַן נאָמען אויסזויגן
ווי מילך און האָניג.
מייַן טאַטע האָט זיך אין סידור אויסגעבעט
זייַן בעט
און געלייגט צוקאָפּנס דייַנע זיבן אותיות
ירושלים —
אין זייער זכות
האָבן די לייבן אויפגעפּנט
דעם שער-האריות
און מיר גייען עס איצטער אָנקוקן
די הענט פון מאָטאַ גור,
די ווונדער-הענט פון מאָטאַ גור.

ד

פֿאַרקייטלטע בערג אַרום דיר ווי פֿאַרברידערט
צונויפֿגעשלאָגענע פֿעלדזן מיט פֿויסטן פֿון ליכטיקן שטיין
ס׳לויפֿן די געסלעך פֿאַרבײַ פֿאַרטומלט, פֿאַרגלידערט
ס׳לויפֿן די געסלעך אין מיר און בלײַבן ניט שטיין.

גראַניט בלײַבט שטיין אויף אַן אָרט, אויסער דײַן נאָמען
וואָס וואַקסט אינעם גאָרטן פֿון נצח, אין נצח פֿון צײַט;
מיט אותיות פֿון טרוקענעם זומער,
מיט אותיות פֿון גאָלדענעם זאָמען
כ׳בין נאָנט צו דיר, נאָנט
אַפֿילו ווען כ׳ווײַן פֿונדערווײַט.

אין דיינע טויערן, עכּו

אשר לא הוריש את יושבי עכו. (שופטים א׳)

א

מייַן אור-שבט, ווו דו ביסט געגאַנגען
איז עכּו דיר געקומען צו חלום.
דו האָסט געוווּסט אוודאי אַז איר שיינקייַט
איז פֿאַרחתמעט מיט צויבער-הענט פֿון כנען.

פֿון וועלכן באַרג האָט איר באַוווּנדערט
אירע שלייַערס פֿון אויסגעשטריקטע נעפּלען?
ביז וועלכן באַרג האָט איר בת-קול זיך אָפּגעשלאָגן
מיט פֿאַלשע צוזאָג טענער
און געפֿאַלן אייַך צופֿוסנס
ווי געפּלאַצטע צימבלען?

מייַן אור-שבט, וויַיל כ׳בין גובר געווען זיך
איז עכּו אַנטקעגן מיר אַ באָרוועסע געלאָפֿן.
פֿאַרוואָס האָב איך אַזויפֿיל יאָר געפֿייַלט
דעם שטאָלענעם פֿראָסט פֿון צפֿון?

בגילופֿין האָב איך אויסגעטאַנצט אויף אייַז
אַ חסידישס און פֿאַרלאַטעט מייַנע טייַגעס,
און ניט געוווּסט אַז דו אָטעמסט אויס
אַ ים, אַ זילבערנעם, אָן דאגות.

ב

וועל איך זיצן מיט די פּיס אונטער די יאָרן
אין אַ שטאָט פון שטיין און ציגל.
ס'האָט עמיץ דאָ זיין גאָט פאַרלאָרן
און איך האָב אים געפונען אויף אַן אָפּגעמעקטן שפּיגל.

וועל איך זיצן פאַראַאַבישט און די שעהען
וועלן קלעפּיק קוים זיך ציען, ווי פון ליימען,
ס'פירט אַ קעמל דורך אַ שטיקל הימל בלאָען
מיט ריח פון אַ מידבר אַ געהיימען.

כ'דאַרף קיין שוועלן ניט, קיין טירן און קיין לאָדן,
כ'בין דער האַר פון אויסגעשניצטע הייזער,
נאָר כ'גיי גאָר ניט אַריין אין זיי, באַלאָדן
הענגט די צייט דאָרט ווי אַ שווערער ווייזער.

און דערמאָנט מיר אַז בעצם; גאָרניט! כ'טייַע
אויף אַ שטיין באַמירמלט אונטער קראַטן
און אַ סטאַדע היראָגליפן פאַרשנאָבלטע ווי פּאָפּוגייען
שרייבן: אַ גרוס דיר פון דיין אַלטן טאַטן.

ווי קומט מיין טאַטע אין אַ שטאָט פון חלום?
אַז ווייט אַריבער זונען לעשט ער שטערן.
זאָג איך: מיין טאַטע איז דאָך אַן עליו-השלום
און כ'לעב אים אויף אין צאַפּל פון די טרערן.

און אפשר האָט אים עמיצער געטראָפן טאַקע?
אפשר צינדט ער די לאַמטערנעס אָן פאַר שיפן?
וועלכע שרייבן אויף די וואַסערן פון עכו
מיט שריפט פון אַלטע, שטומע היראָגליפן.

ג

ים, באַשאַף פֿאַר מיר אַן אינדזל־רו,
אַן אינדזל גרויס ווי אַ צוקאָפּן.
כ׳דאַרף אַ פֿויגל־נעסט, אַ ביסל זון,
פֿון עמערס פֿרייד: אַ טראָפּן קוים, אַ טראָפּן.

אין טיפֿקייט פֿונעם נעסט איך װעל
מײַן קפֿיצת־הדרכימדיקן נס פֿאַרװעבן
און װעל איך בענקען נאָך אַ שװעל
װאָס טראָגט אויף זיך די פֿיס פֿון לעבן

װעלן מיר אַרײַן אין שטאָט, אַ װוּ
עס גליט נאָך אָטעם פֿון אַלייען
ים, באַשאַף פֿאַר מיר אַן אינדזל־רו
אין װירבל פֿון אַנטלאָפֿענע אַלייען.

1967

בראשית

צווייַגן אינעם זאַלץ פֿון ים המלח
ווי אויסגעפֿורעמטע געמעלן פֿון אַבסטראַקט,
זיי טובלען זיך אין פֿאַרב-געטויש, פֿאַמעלעך
ווערן זיי סימנים אויף מייַן טראַקט.

וואָס פֿירט צום אויסגעשניצטן באַרג פֿון גבורה,
צום מאַרמאָר וואָס פֿאַרדעקט לעגענדע-וואָר.
דער מידבר טוט זיך אָן אַ צורה נאָך אַ צורה
און יונג פֿאַרבלייַבט ער, ווי אין זייַן בראשית-יאָר.

גזר

גזר און גאָרניט מער און ווידער גזר,
פֿאַר וואָס דען אַזוי אָפּט צעמישטע חושים:
שוין צייַט צו לעבן אויסער דער געפֿאַר,
כ'וויל ניט אַז דער טויט
זאָל פּלוצעם זיך מיט מיר צעקושן.

מיט די צײַנער האָב איך אויסגעזשעגט מײַן הויז,
די ווענט באַלעבט מיט אָפֿן־אויגיקע געמעלן,
און אויסגעלעקט דעם שטויב אַ יעדן אינדערפֿרי
פֿון מײַנע פֿינקלדיקע, דימענטענע שוועלן.

ווײַל עמיצער מיר זאָגן גזר און ווידער גזר
וואָס טו איך ווען פֿינף־שפּראַכיק ריידן מײַנע חושים:
ניטאָ קיין לעבן וואָס איז כּולו אין געפֿאַר,
אַזוי ווי ס'איז ניטאָ קיין לעבן
וואָס איז כּולו קושן.

ערב שלאַכט

אין שײַן פֿון אָפּגעקאָכטן אָוונט
שטרעק איך אויס צו דיר מײַן האַנט
און דו ביסט ווײַט פֿון מיר
און דו ביסט נאָנט אין מיר,
כ׳זינג דײַן נאָמען אויס
איך גלי דײַן נאָמען אויס.

געדיכטע שעהען קומען אָן
דער ווינט פֿאַרקעמט די זאַמדן
ערב שלאָף,
נידעריקע זעצן זיך די הימלען.

ווײַזט אויס ס׳איז מאָרגן שלאַכט...
מיר ביידע וואָלטן בעסער זיך געפֿילט
אין האַרץ פֿון פֿאַרב, אין יום-טוב
פֿון צעוויגטן קאָרן-פֿעלד.
כ׳וועל מאָרגן קיין רגע צײַט ניט האָבן
דײַן נאָמען אויסצופרעגלען הייס
אויף מײַנע ליפּן
און דאָך וועסטו אַן אײַנגעבאַקענע
אויפֿגײַן אין מײַן מינדסטן ריר.

נאָכן שלאַכט

א

זי איז געזעסן לעם אים און געפּליסטערט
און ער האָט פֿאַרדראָסיק געשוויגן צו איר.
ער האָט געפֿילט ווי עס לייגן זיך אויס
אירע רייד אין זײַן אויער
ווי די שטילע געשפּאַנטע מרחקים
פֿון צײַט ערב שלאַכט.

זי האָט אויסגעזיפּצט זײַן נאָמען,
זײַן פּאָסנע האַרץ האָט זיך געשטאַרקט
אַפילו פֿון איר סאַמע זיפֿץ.
ער האָט פֿאַרדראָסיק געשוויגן צו זיך,
ער איז נאָך אַלץ געלעגן
מיט אַ דורכגעלעכערטן הימל פֿון אויבן
און דורכגעשאָסענע בערג בײַ דער זײַט.
זאַמד-היגלען זענען אויף אַלע פֿיר
צו אים געקראָכן,
האָבן זיך צו זײַנע פֿיס דערקײַקלט.

אַ יעדן זעמדעלע האָט ער אַרום זיך געפֿונען,
נאָר זײַנע אייגענע פֿינגער
האָט ער ניט געזען.

ב

הענט אָן פֿינגער —
האַרץ אָן געזאַנג.
כ׳וועל דיר אַרומנעמען
מיט ליפּן-קלאַנג.

הענט אָן פֿינגער —
ווי אַ זייגער אָן צײַט,
כ׳קען ניט באַווײַזן
וואָס אין מיר שרײַט.

כ׳קען ניט פֿאַרגלעטן
וואָס ס׳טוט מיר וויי,
הענט אָן פֿינגער —
געשריי פֿון געשריי.

הענט אָן פֿינגער —
מײַן קינד, פֿאַר דיר —
ווי וועל איך אויפֿמאַכן
ברייט די טיר?

צווי דאַטעס

איך עס נאָך היינט פֿון דיינע הענט דאָס יאָר תש״ח
און באָד זיך אין די וואַסערן פֿון דיינע נחלות.
צוואַנציק יאָר זענען פֿאַרפֿלויגן צווישן ווין און צווישן לאָך,
צווישן דעם ניט קענען פֿאַר סך־הכּלען אונדזער תּכלית.

ווער ווייס וואָס איז דער מיין פֿון וווּנדער־יאָר תשכ״ז?
איצט בין איך טועם די ירושה פֿון צווי וועלטן.
כ׳לאָז מיר אויף די פֿליגלען פֿון באַזילבערטן מיראַזש
און שלינג צעשפּראָצטע ווייטקייטן, צעהעלטע.

צווי דאַטעס, וויַיט אין צייט, פֿאַרצווילינגטע אין מיין,
פֿאַרקנופּטע ביז די סאַמע נאָענטסטע געוועבן.
לאָמיר אייביק זינגען דעם פֿאַרכּישופֿטן רעפֿריין:
מיר וועלן וויַיטער לעבן, לעבן, לעבן.

אין זומערדיקן מידבר

ער איז געווען אַ סך ייִנגער פֿונעם טויט
און דאָך האָט אים דער טויט כּמעט דערהלפּט.
אַבי דער חשבון פֿון די ביינער איז געווען גאַנץ.
נאָר די אויגן זענען געווען אָנגעשאָטן מיט זשאַר
פֿון אונטערגעצונדענע נעכט
און פֿון טעג וואָס זענען זיך
אין גלי צעפֿאַלן.

דער חשבון פֿון די ביינער איז געווען גאַנץ
און ער איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן
פֿון זייַן גאַנצקייט.
„דאָס איבעריקע אַרט מיך
ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי"
אַזוי האָט ער געזאָגט —
און אַרייַנגעטאָטעמט אַ זומערדיקן מידבר.

סיני

אין די פוסטע טײַכן פֿון מידבר
בלאָזט אַ טרוקענער ווינט.
עס רעגנט מיט זאַמד, שטויב שווימט
אין שטויב. סאָלדאַטן גייען
צו די פֿאַרזייטע וואַסערן,
נאָר די וואַקסענע דיונעס
האָבן די קוואַלן פֿאַרחתמעט.

זי איז גרויזאַם די טרוקענע שעה.

צעשפּרונגענע ליפּן, רויזן בליען אויף זיי,
דער דורשט פֿאַרטרײַבט דײַנע אויגן
אַדורכצובלעטערן די ווײַטסטע ווײַט.
אפֿשר וועט אויפֿשפּראָצן אַ זיסער טײַך
מיט דינע, שיטערע וואַסערן
און כ׳וועל פֿאַרלאָרן גיין
אין וואַסערפֿאַל פֿון קלאַנג.

דערווײַל שעפּ איך עמערס שוימיקע מחשבה
און בלײַב פֿאַרשפּינוועבט אין מײַן דורשט.

זי איז גרויזאַם די טרוקענע שעה.

חרמון

ניט וויכטיק אַז דער שניי איז דיר צערונען
צווישן דײַנע פֿינגער און דעם ערגעץ ווער-ווייס-ווו ;
ביז דו האָסט דײַן ווײַסן באַרג געפֿונען
האָבן ווײַסע וועלף אַוועקגערויבט מײַן רו.

נאָר אַז דו האָסט דײַן ווײַסן באַרג געפֿאַנגען
בין איך אַוועק אין דײַנע שפּורן ווי אַ קינד ;
און כ׳גיי ביז איצט פֿאַרנאַרט פֿון די געזאַנגען
פֿאַרכּישופֿט פֿון דײַן צויבער-לאַבירינט.

תל־עזיזיאת

דײַן טויזנט־און־איין־נאַכטיקער ניגון:
געשפּילט אויף דער לופֿע
פֿון מינען־וואַרפֿער און האַרמאַט,
האָט ניט איינעם פֿון אונדז פֿאַרקרבנט
צום גאָט פֿון אײַער עקשנות.

הוי, דײַן ניגון פֿון מאָרד,
דײַן קינס אַרומווילד,
דײַן שׂנאה צו אונדז —
ווײַל מיר האָבן אונדזערע זינגענדיקע קעפּ
אַוועקגעלייגט אויף שטילע
און מאָכיקע שטיינער —
באַוואַקסענע מיט בערד פֿון דורות.

צווילינג שטאָט

פאַר פרידאַ און פּייוול סעגאַל

פאַרצווילינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים:
ווי דער וואָלקן און דער רעגנבויגן
ווי דער דונער און דער בליץ,
ווי די אַנטוישונג און דער וווּנדער.
כ'באַנעץ מײַנע ליפּן מיט דײַן נאָמען
קריך אַרײַן אין יעדן שפּאַלט פֿון דײַן אָטעם
און ס'עכאָט אָפּ ממעמקים אַ זיפֿץ
אַן אָפּגעטובלטער און רופֿט זיך אָפּ:
ד'ליטע, ד'ליטע, ד'ליטע...
קען אַ פּשוטער בשׂר ודם פֿאַרנעמען
צווײַ ירושלימס?

איך האָב דיר געזען אין מײַן ערשטער פֿאַרליבטקייט
ירושלים ד'ליטע — ווילנע בלעז.
אַז וויל איז צו מיר וואָס אין יענע ייִנגלשע יאָרן
האָב איך געקענט אָפּשפּאָרן צו דער עלטער
אַזויפֿיל געהאַקטע צרות.
וואָס זינגען זיך אויס פֿון אַלע זײַטן
פֿירקאַנטיק ווי בײַם דאַווענען.
נאָר וואָס?
אין זייער זכות בין איך שוין
אוודאי פּטור פֿון גיהנום.

בחינם, בחינם, אַלץ איז בחינם
און ניט נאָר אויף די ראַגאַטקעס.
האָלץ אָנצוּוואַרעמען דעם ווינטער גיט דער וואַלד,
אַניט מוזן אַ פּאָר וויאַסקעס אַרונטערפֿאַלן פֿונעם שליטן.
אַניט איז דאָ אַ שכן וואָס גיט
אַ האַלבן בוים וואָס טרייסלט אויף דעם אויוון.
ווײַל ווי קען מען ריידן בײַ אַ קאַלטן אויוון?
— מעשׂיות האָבן ליב וואַרעמקייַט,
ווערטער האָבן ליב אויפֿצוגיין ווי חלה-טייג.
פֿון אַ פֿאַרפֿרוירן האַרץ קענסטו אפֿילו
קיין שטיקל אָכץ ניט אָפּברעכן
בײַם אָפּפֿאַסטן אַ תּענית.

פֿאַרצווילינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים:
די חורבה פֿון ר׳ יהודה החסיד
און די חרובע קלויז פֿון הגר״א,
הר-הזיתים וואָס פֿלאַטערט
אַנטקעגן דעם שער הרחמים
און פֿאָנאַר...
כ׳טו אויס מײַנע ליפּן
קוש אויס דעם אַש
און אײַער צעצונדענער יאָד
צעבײַסט מײַנע אויגן אין חלום.

ירושלים, הרים סביב לה,
איך דאַרטן בערג פֿאַרפֿלאָכטענע ווי חסידים
פֿון פּאָרובאַנעק ביז די בערג שישקינער.
אין מיַינע שלייפֿן קלאַפּסטו אויס דיַין נאָמען
ירושלים, ירושלים, אַזוי אָן אויפֿהער
און ס'רופֿט זיך אָפּ אַ בת-קול —
ד'ליטע, ד'ליטע.
קען אַ פּשוטער בשׂר ודם פֿאַרנעמען
צוויי ירושלימס ?

איך האָב דיר געזען דורך די שויבן פֿון ספּעקטעס :
פֿרילינגדיק-גרין, באַלאָדן מיט שפֿע.
פֿאַר וועמען ?
פֿאַר די וואָס האָבן געגעסן און ניט באַצאָלט
פֿאַרן עסן. פֿון וואַנעט זשע זאָל מען באַצאָלן ?
פֿאַרשריַיבט מען די חובות אין ביכער.
סאַראַ גערעטעניש אויף ביכער —
מען עסט און מען צאָלט ניט.
די לופֿט איז פֿול מיט ניגונים,
ס'געזאַנג איז דער לוין, איז דער ענטפֿער.

איך האָב דיר ווילנע געזען
אין טעג פֿון פּאָגראָמען, נאָך ערגער —
אין וויסטן געיעג פֿון די הענקער
און פֿאַרצוקט איז געוואָרן מײַן טרוימער,
מײַן בענקער.

פֿאַרצווילינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים:
ווי אַ סיאַמישער צווילינג
ירושלים ד׳ישׂראל און ירושלים ד׳ליטע
בײַ דיר זענען אָפֿן די הימלען
פֿאַרן דאַרטיקן וויי
נאָך דער שחיטה.

ירושלים של מלכות, ירושלים פֿון לעבן;
דײַנע פֿעלדזן זענען מײַנע הענט, מײַנע פֿיס
אַרײַנגעוואַקסענע אין טיפֿקײַט פֿון דורי-דורות,
דײַנע געגאָסענע דעכער אָטעמען ווי מײַן הויט —
ווען כ׳שטיי אַן אײַנגעטונקטער אינעם כּותל.

איך שרײַ אין די טונקעלע היילן פֿון שילוח —
או-הו טונקעלע היילן פֿון עבר
כ׳שייל אָפּ דעם אָנגעטריפֿטן חלב פֿון דער צײַט
און קלעטער צו די אויפֿגעפּראַלטע הימלען,
פֿון דאָרטן שיטן זיך אַרונטער צנחנים
און אין געשאָט זאָגן זיי שירה,
קריצן אויס אין דער לופֿטן דעם מיזמור קנ״א...
ביז כ׳ווער זיך אַליין מקנא.

יד-אבשלום און מגדל-דויד זענען מײַנע
סימני הקריאה. כ׳דערהויב זיי
צו די אויגן פֿון דער גויישער וועלט.
זעט און שטוינט, קוקט און פֿאַרשטייט ניט —
מיר לעבן אין פֿאָנאַר מיט די טויטע
און ציען אויס דעם „אחד״
ביז פֿון לעצטן שטיין וועט ווערן מעל.
אין דיר, ירושלים ד׳ישׂראל.

יולי 1968

יחזקאל

פאַרלאַזענע שטאָט

עס לעשט זיך דער מאַרמאָר אין די פּאַלאַצן,
פאַרלאָשן, פאַרלאָשן די שטאָט.
הימלען האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן אַלטע וואָלקנס —
שווערע ווינטער-בגדים פון די אָבות.

אומעטיקע פלעדערמייַז צעטראָגן
די בשורה פון פאַרשאָטענע טריט,
פון פאַרשאָלטענעם אַוועקגיין,
פון געבאָרענעם גלות.

טירן וויגן אייַן די פוסטקייט,
הין און צוריק, הין און צוריק,
אָנסופיקער זיפץ פון זאַוויעסע.
ווּ זענען די הענט וואָס זאָלן זיך
אַנטקעגן שטעלן דעם ווינט וואָס פלוידערט
איבער די נאַקעטע שוועלן?

איבער די בערג פון יהודה איז ווידער
אַרויס די זון פאַרזייען ליכט.
דוד המלכס פּאַלאַץ איז באַזוניקט,
איז באַגאַרטלט מיט שטראַלן,
נאָר זיי קערן זיך אום
צו דורשטיקע הימלען.

אַ הויקערדיקע שטילקייט פֿאַלט אויף די מויערן,
אַלע טויערן פֿון שרעק זענען אָפֿן.
זיגזאַגיקע שלאַנגען זוכן רויב.
עס לעשט זיך דער מאַרמאָר,
אָנסופֿיקער זיפֿץ פֿון זאַוויעסע.

פֿאַרשטעלטע האָריזאָנטן בויגן איַין
די קעפּ פֿאַרן מלך פֿון יהודה.

אונטערוועגס

א

„שלום זאָל זײַן אין דײַנע פּאַלאַצן, ירושלים,
מיר וועלן דײַנע שוועלן ווידער באַלעבן"...
געמאָסטענער אָטעם. קורצזיכטיקע בענקשאַפֿטן
קלאַפּן צום טאַקט,
ווי דימענטן וואָלטן אין האַרצן געפֿאַלן.

ווינט צעכוואַליעט די קליידער,
קאָלירן-געפֿליסטער פֿון בגדים.
נאָר די צינגער — די פֿאַרטריקנטע ביטערע מאַנדלען
שווײַגן. זיי זוכן דעם טעם זיך צו באַזיסן
מיט שירײַם פֿון האָניק-מגילות.

דער קעניג טראָגט אַ מידבר אויף זײַן לײַב,
גאָלדענע דיונעס הענגען אַרונטער
אויף זײַנע יונגע אַקסלען.
צעספּוזשעטע פֿערד האַמערן אויס זײַנע שלייפֿן,
פֿאַרטראָגן אים העט אין געפֿליסטער פֿון גאַסן,
דאָרט ווו דער טעלערל פֿון הימל
פֿלעגט אַ גאַנצער אין זײַנע הענט אַרונטערפֿאַלן.

ב

יהויכין — קורצטעגיקער מלך,
מיט דײַנע אַכצן אָפּגעפּליקטע יאָרן
און קורץ געשאָרענע חלומות.
חי צום לעבן האָט געזאָגט דײַן מאַמע
נחושתא, חי צום לעבן, מײַן קינד, און דו
פֿאַרקריכסט מיר אין בוזעם פֿון תוהו,
אין בבל פֿון שרעק,
אין קערן פֿון מישמאַש.

דער פּרת איז נאָר געווען אַ פּרט
אין די קעלערן פֿון גלות
אין וועלכן דער ערל האָט פֿאַרשפּאַרט דעם מלך.
פֿון זײַנע פּאָלעס האָבן זיך אויסגעשאָטן
די אָפּגעקליבענע, פֿאַרטריקנטע טרערן
פֿון די בנות ירושלים.

ס'רופֿן זיך איבער די ווײַטקייטן:
„שלום וועט זײַן אין דײַנע פּאַלאַצן, ירושלים".

ביים נהר כּבר

א

זעצט זיך דער נביא — זעצט זיך די זון,
פֿולע הענט מיט שאלות ותשובות:
אויב גלות, וואָס איז געדרונגען דערפֿון?

אוודאי גלות — ס'איז פּסק, כּולו דין,
זיַין האַנט רעדט צום הימל: שטראָף,
זאָל קלאָגן דיַין שטאָט מיט מויל פֿון רויִן!

די אַקסלען צוקן. דער נביא טראַכט:
שטויביקע וועגן וועלן זיַין איַיער לוין
און שיכּור פֿון דורשט וועט איר פֿאַלן ביַי נאַכט.

ב

פֿאַר ווערמען ליג איך אָפּ מײַן לינקן זײַט
ווי אַ שאָטן פֿון אַן עפּל ?
אויב ניט פֿאַר אײַך מײַנע אויסגעלײדיקטע,
זינדיקע ברידער.

פֿאַר וואָס עפּעס זינדיק ?
ווײַל איר האָט זיך אַליין אויסגערופֿן
אין קלויז. ס'האָט יעדער פֿון אײַך זיך געזען
פֿאַרגרעסערט, מיט געשליפֿענע אויגן פֿון קנאה.

וויפֿל מאָל דאַרף זיך נאָך דער טײַך פֿריש באַשפּיגלען
בכדי איר זאָלט זען אַז איר זײַט אָדם-נאַקעט ?
שווענקט אָפּ אײַערע הערצער מיט פֿאַרלאָשענעם טוי
ווען ס'רעגנט אַרײַן דער אָוונט.

וויפֿל מאָל דאַרף איך נאָך צעהענגען
די בלאָנקענדיקע יתומה — די לבנה,
בכדי איר זאָלט זען אײַער שוואַכקייט ?

זיסע בינען באַלעבן מיך מיט קלאַנגען,
יונגע הירשן לעקן אויס דעם טײַך.
ווער וועט אויסלעקן מײַנע אויגן ?
עס טובלען זיך אין זיי
צעשעדיקטע פּאַלאַצן.

ג

ווידער מעסטן שוין די קדשות אויס
דעם ריטעם פֿון צײַט מיט די לענדן.

שטויביק צעפֿליען זיך שעהען,
די נאַקעטקייט איז אויגיק, איז וואָר.

ווידער בלאָזט אַרײַן דער ווינט
אין בראָנדזענעם אַנליל
און זיי מיינען, אַז ער אָטעמט.

בײַם יאַגד פֿון קאַפּריזנע לייבן
טרייסלט זיך די שטאָט ניפּאָר.

פֿאַר וואָס איז זייער שטאָט אַזוי עשׂודיק ?
מיט פֿרייד באַוואַקסן.

אויף די חתונות פֿון זייערע געטער
בין איך אַן אָבל.

ז

און ס'דוכט זיך מיר אַז ס'זאָגט דער נביא:
אפֿרים האָט זײַן שטראָף באַקומען.
אויס אפֿרים! שומרון איז וויסטער
ווי אַן אויסגעצופּטע פֿליגל פֿון אַ היישעריק
איבער וועמען ס'האָבן געבושעוועט חמסינען.
וועל איך מיר אומדרייען אויף מײַן רעכטן זײַט
און אָפּקומען די זינד פֿון יהודה.

ח

כ'האָב געהערט ווי עמיץ האָט מײַן נאָמען גערופֿן,
נאָר איך בין געווען פֿון זיך אַוועק.
עס טראָגט זיך דער נהר כּבר בגילופֿין
און שלעפּט אויף זיך די זון אָן צוועק.

כ'זע דעם טײַך דעם גלײַכן אין וועמעס פֿאַרבן
עס צוואָגן מיידלעך אויס אין מיטן טאָג די לוסט
און גיבן צו אַ קרעל אין קרענצל תּאוות
אויף זייער ליכט-באַלעקטער ברוסט.

קאַראַוואַנען זינד, אַנסופֿיקע היסטעריע,
כ'לויף פֿאָרויס די צײַט, אַריבער גלותן העט-העט.
זיי וועלן מיט די דינסטע אויגן קומען מײַנע ליפּן טרינקען
און וויסן וועלן זיי אַז וואָר האָב איך גערעדט.

צו די זקנים

וואָס ווילן זיי די זקנים?
איך האָב פֿאַר זיי קיין טרייסט.
מיט זיך אַליין, אינאיינעם,
בן-אָדם איך. איך ווייס.

קיין סך בני-אָדם, ניחא,
זענען ניט פֿאַראַן.
ס׳גלוסט זיך מיר פֿאַרקריכן
אין פֿאַלד פֿון אַ טומאַן.

אויפֿן ציגל אויסגעמאָלן
האָב איך שוין פֿון לאַנג:
דעם גלות-וועג דעם שמאָלן —
אַ באַנק, אַ האַרטע באַנק.

מיט קעמל קאַראַוואַנען
אין שווערן לאַסט-געפּעק,
זיי מוזן דאָך פֿאַרוויאַנען,
אָנטאָן זיך אין שרעק.

נאָר כ׳גלויב אַז צווישן היגלען
וועט אַ נס געשען:
זיי וועלן זיך באַפֿליגלען
און גאַנץ אַרויס פֿון ברען.

צווישן ערד און הימל

א

ס'איז גאָרנישט לײַכט אַרומצוּוויקלען זיך
מיט הימל ווי מיט אַ דינעם שאַל,
און שווערער נאָך איז זיך אַרײַנצורײַסן
אין אַ געבלומטן וואָלקן
און אויסזויגן די זאַפּט פֿון אלולדיקער רײַפֿקייט.

כ'האָב געוואָלט דאָרט בלײַבן בײַם נהר כּבר,
געמיינט דאָרט איבערצולאָזן מײַן לעבן
ווי אַן אָפּגעשטאַנענע טעמפּע פּיש...
און דאָך אין געשוועב ווי אַ פֿלאַטערל
פֿאַרגעסט מען די ערדישע צרות.

די ערד הענגט אונטער מיר —
און האָט אויף מיר קיין שליטה.
ווען זאָל איך אויף זיך אַרויפֿציען —
די איבערגעוואַקסענע הימלען צי די ערד
וועמענס יעדער פּענעץ פֿאַסט פֿאַר מײַנע ביינער ?

דער האָריזאָנט רופֿט אויס : שקיעה !
כ'פֿאַרמאַך מײַן לאַנד-אַלבאָם און קוק
זיך אײַן אין פֿינטלדיקן הימל.

כ'מאַך אַ המוציא אויף אַ שטערן, אויף אַ צווייטן,
אַלע פֿינקלדיקע אויגן זענען מײַנע.
דאָס גאַנצע צירונג פֿונעם הימל
שווימט אַרײַן אין די טונעלן פֿון מײַן האַרץ.

כ'באַדלות קיינעם ניט. מאָרגן וועלן ווידער
אַרונטערקלעטערן די קליינע, נאָך ניט
אויסגעפּיקטע פֿייגל, אַרײַנגעשנאָבלטע אין
שאָלעכץ פֿון גינגאָלד.

טויזנט לייבן פֿילן אָן מיט בלוט די זון.
אַ נײַער טאָג וואַקסט דעם בשן אַריבער.
באַלד וועל איך דערגרייכן מײַן כּלה-שטאָט,
דערווײַל מיזמורט אונטן דער יבוק.
כ'פֿיל דעם ריח פֿון סכך,
(ניט ווײַט, ניט ווײַט פֿון סוכּות)
כ'פֿיל דעם ריח פֿון געדראָשענעם שטויב.
אַ קלייניקייט — מעבר יבוק!
אָט דאָ האָט מענטש פֿאַרגעטערט כּוח,
מלאך האָט פֿאַרגעטערט מענטש
אוןביידע האָבן אײַנגעזען ווי דראָבנע
זענען זיי צוזאַמען
אין פֿאַרלעגנהײַט פֿון שלאַכט.

ב

ווי פֿליגלדיק באַגריסט מיך ירושלים,
מײַנע מחשבות ווערן צוגענאָגלט צו דײַנע אָדלער־בערג,
כטובל מיך אין דײַן קאַלירן־געפֿלעכט.
דו ביסט מײַן שוואַכקייט, כּלה־שטאָט,
כ׳גיי אויס נאָך דיר, נאָך איידער
מײַנע פֿיס טוען דיר באַטרעטן.

ערגעץ ווו האָט אויסגעלײַטערט זיך
מײַן אויג. ערגעץ ווו האָסטו
צו מיר אַרויפֿגעלייטערט.
כ׳בין גרייט, ירושלים, פֿאַר דײַן קלענסטן שטיין
מיך אָפּהאַקן אַ פֿינגער־לעבן.

לאָמיר זיך איבערבעטן, ירושלים,
כ׳וויל זײַן אַ ווינקל־שטײַן אין דײַן נצח,
אַ לויכטנדיקער מגדל־דוד
אין דײַן מגילת היחוסין.
כ׳בין גרייט — דיך, דײַן שארית הפליטה
און די וואָס וועלן מאָרגן צוריק
אָנצינדן די אויסגעלאָשענע מאַרמאָרן דײַנע —
בענטשן.

אויגוסט 1966 — מערץ 1967

פלטיאל בן ליש

„ושאול נתן את מיכל בתו אשת דוד
לפלטי בן ליש אשר מגלים״.

שמואל א׳, כ״ה

צווישן פיר אויגן

האָט צוגערופֿן שאול המלך פלטי בן-לישן
און אָנגעפֿילט זײַן אויער מיט שאַרף:
מאָרגן וועט זי זײַן בײַ דיר.
מאָרגן, פלטיאל, מאָרגן!
דו וועסט יורש-עצרן קלוגע אויגן,
אירע פֿאַרמילגרוימטע ליפּן וועלן דאַווענען
צו דײַן באַרג, וואָס שווימט אַרונטער
ווינטער-צײַט צו די גרינע טאָלן
פֿון צעבליטער בענקשאַפֿט.

דו הערסט, פלטיאל!
מאָרגן, מאָרגן וועט זי זײַן בײַ דיר!
טוליע איר אײַן אין וואָלענע געדאַנקען,
פֿיל אָן דײַן אויוון מיט געזאַנג
פֿון דראָבנע ווערטער. כאַפּ איר
בײַם שוואַרצאַפּל פֿון געשטרויכלטן
ניט-אַהער ניט-אַהין.
קאָרמע איר מיט וואָרקע פֿון
„מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַן מינדסטן
געשטרויכלטן חלום״.

וועט זי בלײַבן דײַנע...

ביי נאַכט אויפֿן געלעגער

ווען וועט שוין זײַן מאָרגן? דערווײַל איז נאָך הײַנט.
אַזאַ לאַנגער הײַנט. ס'וויל ניט ווערן מאָרגן.
מידבר־וועלף בײַסן שטיקער נאַכט.
און זי, די נאַכט, קלעפּט זיך ווידער צו,
אַ טונקעלע, צו דײַנע אויגן.
ווי קען איך צומאַכן אַן אויג אַז דער ים־המלח
רעדט צו מיר הייזעריק
פֿון זײַן געהיימער, טונקעלער ברוסט.

ביז ס'וועט ווערן מאָרגן —
וועל איך דינער מאַכן מײַנע שווערע הענט.
זי איז צאַרט. כ'וועל צוקומען צו איר
ווי אַ קאָלירטער שאָטן,
מיט אַ פֿרילינג אין מויל.
כ'וועל אָוועקלייגן מײַן האַרץ
אויף אירע שעמעוודיקע הענט
און וועל מורמלען ווי דער הר הזיתים אין אָוונט.

ווען וועט שוין זײַן מאָרגן? דערווײַל איז נאָך הײַנט.
אַזאַ לאַנגער הײַנט. ס'וויל ניט ווערן מאָרגן.

פלטי זינגט פאַר מיכלן

כ׳וועל פֿאַלן פֿאַר דיר ווי אַ בלאַט,
און קניען פֿאַר דיר ווי אַ קוואַל.
דאָס ברויט וועל איך ברענגען פֿאַר דיר
אויפֿן שפּיץ פֿון אַ גאָלדענעם שטראַל.

כ׳וועל זינגען פֿאַר דיר ווי אַ מיל
צעפּלאָשעט פֿון נאַכטיקן ברויז.
מײַן בענקשאַפֿט וועט וואַרטן אויף דיר
ווי אַ נאַקעטע שוועל בײַ מײַן הויז.

כ׳וועל אַ קלעטער טאָן, אויבן צו דיר,
צו דײַן העכסטן דאַך פֿון געדאַנק
און פֿאַרשליסן וועל איך די טיר
מיט נאַכט, מיט לויב און מיט דאַנק.

בת קול

א

כ׳וועל דיר מחדש זײַן מיט ציטער
כ׳וועל דיר מקדש זײַן מיט אימה.
כ׳הער מעסערדיקע טריט פֿון יענעם,
מעסערדיקע טריט, געהיימע.

איך פּסקן דיך צום גוטן,
אָן שאלות און אָן מענות.
כ׳הער מעסערדיקע טריט פֿון יענעם,
מעסערדיקע טריט מיט טענות.

וועלן מיר מוזן זײַן צוזאַמען באַזונדער;
יעדער פֿאַר זיך מיט זײַן פּנים.
כ׳הער מעסערדיקע טריט פֿון יענעם,
וואָס ווילן זיי דערמאָנען?

כ׳וועל דיר מחדש זײַן מיט ציטער,
די ווערטער וועל איך פֿאַר דיר זיפּן,
ביז ס׳וועט די נאַכט אַוועקגיין
מיט הייסן אַש אויף אירע ליפּן.

ב

מיכל — פֿאַרוואָס פֿאַרקוקט ער זיך אויף דיר
ווי אַ פֿולער אָנגעשעפּטער עמער?
פֿאַר וואָס שווימט ער אַרויס פֿון זיך
צו פֿרעמדע אָפּגעלייגטע ברעגן,
ביים שייטער פֿון צעגליטע נעכט?

שוויַיג אויס דיַין זיַין דאָרט, מיכל,
פֿאַרנאָרע זיך אין הייל וווּ ס'וועט
מיַין נייַער מיזמור אָנפֿילן די פּוסטקייט.
פֿאַרגעס מיך ניט ווען גייסט אַראָפּ צום ברונעם
אָנשעפּן די זון אין דיַינע עמער.
פֿאַר וואָס שווימט ער אַרויס פֿון זיך
ווען מיַינע ליפּן וויקן זיך אין קנאה?

ג

זי קומט און זי דערגייט ניט,
זי דערגייט און קומט ניט צו צום תוך,
זי שטייט און זי פֿאַרשטייט ניט
צו וואָס זיך אײַנשפּאַנען אין פֿרישן יאָך.

זי ווײַנט און בלײַבט פֿאַרפֿראָרן
זי שטווינט און ס'ווערט איר קלאָר:
אַז זי וועט סײַווי נאָר דערפֿאָרן
צו אירע ערשטע ווײַסע האָר.

מאַי 1967

רעשע
קופ .72

די זעלבע זילבן

פאַר געניען און דויד גאָלדבערג

אַלץ די זעלבע זילבן:
רעשע, רשע, רעש.
אָפּגעסמטע ווינטן
הוליען אויפֿן גאַס.

ווערטער יאָגן ווערטער,
רעשע ערשטער ריס —
כ׳וואָלט דײַן גאָרגל בײַסן
מיט פֿאַרסמטן ביס.

אַלע וועגן פֿירן
אַלע שטעגן קלינגען,
פֿראָסטיקע באַרירן
זינגען, זינגען, זינגען.

וועלדער בלאָע — ווײַסע
אָטעמען פֿאַרפֿראָרן.
שפּורן אין די שנייען
אָקערשט נאָר געבאָרן

שנעלצוג שלינגט די ווײַטן,
כ׳צווינג אים אײַנצוהאַלטן,
אין מײַן מוח רײַטן
שנײַדיקע געשטאַלטן.

דורכגעזיפּטע ווײַסקײַט,
אויסגעמאָלטע שנייען.
רעשע, ס׳וועט דײַן ווײַסקייט
קיינעם ניט דערפֿרייען.

אַ מחנה טונקעלע שטיבער

אַ מחנה טונקעלע שטיבער
אויסגעדלובעט פֿון וואַלדיקן נעסט,
וועקן זיך שוויַיגנדיק איבער
באַזילבערט מיט אָטעם פֿון פֿרעסט.

דער סקריפּ פֿון פֿראָסטיקן אָטעם
וועקט מיך אויף פֿון מיַין שלאָף,
און כ׳צייל זיי און כ׳צייל זיי די שטיבער
פֿון אָנהויב ביז גאָר אָן אַ סוף.

וואָס טויג מיר דאָס ציילן בנינים
אַז כ׳זע ניט קיין קינד, ניט קיין גריַיז.
אויף אַ שויב — מיַין פֿאַרפֿרוירענער פּנים
צעגייט ווי ליכטעלעך איַיז.

דער פערדן שטאַל

א

עס האָבן מאַרשירט די העלמען,
אונטער זיי קיין צלם-אלוהים.
דער טאָג וואַקסט אָן ווי אַ בעלמע,
די נאַכט קריכט אָן ווי אַ שפּין.

צעדונערטע הימלען. עס פֿאַלן
די סאַמע גלויביקסטע באַלד,
זיי גייען פֿאַרלאָרן ווי שטראַלן
אין אַ האַרבסטיקן, טונקעלן וואַלד.

די אַנדערע ווען דערפֿאָרן
צו די שוועלן פֿון אייגענעם צער.
שברים — פֿאַרכּפֿלט, פֿאַרגאָרנט,
תּקיעות — באַזוימט מיט געפֿאַר.

ב

אויסגעפּוצטע פערד, מיט גריוועס פאַרקעמטע,
פאַרטריבן פון אייגענעם שטאַל ווי פאַרשעמטע
יצורים, מיט פאַרב פון ערד און קאַשטאַנען.
אַנגעזאָטלטע שרעק פאַר וועמען? פון וואַנען?

אין כאַאָס פון צײַט. אין טעג ניט דערשאָכטן,
ווער האָט אײַך די גריוועס פאַרצעפּט און פאַרפלאָכטן?
עס צעפּאַלן זיך טעג ווי צעפּלאַצטע קאַשטאַנען,
די מזלדיקע פּאָדקעוועס פאַר וועמען? פון וואַנען?

אין הימל האָט זיך שוין דער מאָרדן-שטערן אָנגעצונדן,
אין בוינעס ווערט נאָך אַלץ געשונדן און געשונדן.
איבערן דאַך שווימען הימלען — פאַרלאַטעטע דיוואַנען,
און דו אונטער הימל — צו ווען? פון וואַנען?...

ג

וויסן זיי דען וואָס אַזוינס עס איז לבנה ?
אין זייערע פּאַלאַצן-קעפּ איז דאָ
אַן אָרט פֿאַר איר. ניט שוין זשע
וועלן זיי איר אײַנשלינגען און לאָזן
אונדז די מענטשן אָן אַזאַ מין
ווערטפֿולע קמיע ?

מיר האָבן זיך אויסגעלייגט
אויף זייער ביסל גאָלד —
דערפֿאַר צעבריקענען זיך אונדזערע חלומות
נאַכט אין נאַכט.
נאַרעווויסטער חלום איז ערגער ווי
ניט צומאַכן אַן אויג.

וויסן זיי דען וואָס אַזוינס באַדײַטן שטערן ?
אין זייערע פּאַלאַצן-קעפּ איז דאָ
אַן אָרט פֿאַר טויזנטער פֿון זיי.
ווילן מיר דען, זיי זאָלן זיי ווי פֿרישן האָבער
אַרונטערשלינגען און לאָזן אונדז, די מענטשן,
מיט ליידיקע, אויסגעקערטע הימלען ?

ניט אויף אונדז די שולד צו וואַרפֿן.
ניט מיר האָבן געוואָלט
פֿאַרנעמען אייַער שטאַל —
ווו שוימיק אָטעמען די ווענט.

וויפֿל צעספּוזשעטע פֿאַטאַמאָרגאַנאַס
קענען פֿאַרנעמען מידע אויגן?
וויפֿל כאָמעטן קען מען אָנטאָן
אויף איין האַלדז?
און וויפֿל לייצעס דאַרף מען זיך אייַנשפּאַנען
בכדי זיך צו דערשליטלען צום ווייכן
ברעג פֿון אויסגעבעטן שבת?

עס רייַט אַ רעגנבויגן מיר אַנטקעגן,
ברוינע היגלען באַפּיסיקטע און שלאַנקע
לויפֿן, לויפֿן, לויפֿן
און קיין מזלדיקע פּאָדקעווע
איז אַלץ ניטאָ נאָך
ווו צו קויפֿן.

ווי אַ שטרוי

ווי אַ שטרוי, ווי אַ שטרוי, איז דאָס לעבן —
שטעכיק, פֿאַרדאַרט און טרוקן.
ווו זענען די פֿולע סנאָפּעס
וואָס זאָלן צו דיר זיך בוקן?

ווי אַ שטרוי, ווי אַ שטרוי, איז דאָס לעבן,
פֿון באַשטיוולטע פֿיס באַטראָטן.
פֿון די פֿולע אַמאָליקע סנאָפּעס
פֿאַלט ניט אַפֿילו קיין שאָטן.

ווי אַ שטרוי, ווי אַ שטרוי איז דאָס לעבן —
ער טראָגט אויס נאָר זייפֿן-באַלאָנען,
מעגסט דאָרט דײַן אָטעם פֿאַרוועבן,
ס'וועט סײַווי אים קיינער דערקאָנען.

אויפֿן געדראָשענעם שטרוי ליגן מירביידע,
אויפֿן געדראָשענעם שטרוי.
ס'לעבן אויף די קאָרן-בלומען אויף די קליידער
איינגעטונקט אין הימל-בלוי.

זענען מיר שוין לאַנג פֿון דאָרט אַוועקגעפֿאָרן?
פֿון שוידער און פֿון יאָד.
הײַנט יוירן מיר ווי ברויט פֿון עכטן קאָרן,
מיט זון אַ גאַנצע וואָד.

אויפֿן געדראָשענעם שטרוי פֿילן מיר שוין ביידע
דעם האַרבסטיקן גאָלד-געוועב.
צום וויפֿלטן מאָל דאַרף איך גיין אַנטקעגן די עקידה
בכדי צו וויסן אַז איך לעב?

פאַני וואַסילעווסקאַ

ווען מײַן פֿאַרלעגענער הונגער
האָט זיך אַ מאָל אין מיר צעבריקעט
בין איך אַרויס צו דײַנע פֿעלדער, פאַני.

עס האָבן זיך די פֿעלדער
אָנגעטאָן אין דײַנע קלויסטער־קליידער,
כ׳האָב אויסגעטאָן מײַן יידישקייט
און זיך אַרײַנגעגנבעט אין דײַן גאָרטן.

געאָמעטריש אײַנגעטיילטע ריחות
פֿון קנאָבל, בוריקעס און קרויט.
ניט פֿאַר מײַן שׂמחת־תּורה ליכטל
ברענען די פֿאַרבן אין די פֿינגער.
ניט פֿאַר מײַן שׂמחת־תּורה ליכטל
דאַרף איך די מתּנות פֿון דער ערד.

מײַן הונגער האָט שוין לאַנג פֿאַרענדיקט
זײַן זיבעטע הקפֿה אויף די אויסגעדאַרטע
האָריזאָנטן פֿון מײַן גוף.

רויטע באַקן האָסטו, פאַני,
אין די פֿאַרטאָגן שמעקסטו מיט מאַלינעס
אַ וועוויריק לייגט דיר אָן
אַ פֿולן בוזעם ניס
און איך באַקום דעם שאָלעכץ
פֿון דײַן ענטפֿער.

כ׳לאַד דיר איַין צו מיַין טיש
וואָס שטייט פּיר-פּיסיק אונטער הימלען
און טראָגט אויף זיך אַ וועלט מיט גשמיות
צונויפֿגעמעסערט און פֿאַרגאָפּלט,
עלעהיי אַרום אים וואָלטן קריַיזן שטערן.

כ׳גיב דיר אָפּ אַן אַלטן חוב,
בליַיב זיצן דאָ ביַים שיַין פֿון
אָפּגעשיילטע בוריקעס, ביַים מילך און האָניק,
ווען ס׳דעמפּט זיך אויס די נאַכט, באַווירצט
מיט קרייטעכצער-זכרונות.

אויסגעשטאַנענע שטילקייט

אויסגעשטאַנענע שטילקייט
בײַם ראַנד פֿון גאָרניט-ניטאָ-מער
דעם זכר פֿון וואָס ס'איז געווען
טראָג איך אין מיר — אַ נר תמיד.

איך גיי אַ באַלייגטער מיט לאַסטן
פֿון אומצייליקע עכאָס וואָס זעצן
אין קאָפּ, אין די שלייפֿן,
אַ פֿאַרשלאָסענע שטילקייט
לאָזט מיך ניט אָפּ. כ'וויל אַנטלויפֿן...

און ווידער שטיי איך בײַם ראַנד
פֿון דעם פֿאַרבליבענעם ניטאָ-מער
אַ שאָטן שפּילט אויף מײַן האַרץ
אַן אַקאָרדן-סימפֿאָניע פֿון יאָמער.

נאָכליד

ברודער מײַנער, אײביקער דערקענטער
אין צאַפּל פֿון צעבליצטע ווײַטן.
קענסטו זײַן אַ מער פֿאַרברענטער
פֿונעם פֿלאַם וואָס ווײנט אין שײַטער?

אין פֿאַרוואָגלטן אָן־ענדע
וועט די באָבע־צײַט דיך שוינען,
דו ביסט דער אמת פֿון לעגענדע,
אָנקעפּיק — און מיר וועלן דיך באַקרוינען.

סעפּטעמבער 1966

אין
זיסקייט
פון
מילגרוים

פון אַלטן אַרעסטאַנטסקן פנקס

א

ציפער. נאָמען אויס, נאָר ציפער.
דערגאַנגען בין איך ביז צום נול.
ביז צום אַבסאָלוטן זעראָ פריר איך,
טיפער פון צעטומל.
וויפל איז עס — דול מאָל דול?

כ'פליסטער דיר אַרײַן מײַן נאָמען: אָמן!
זע פאַרגעס ניט, יעדער האָט זײַן שם.
וויפל איז דער שיעור פון זיך פאַרלייקענען?
תהומען — רופן אויך אַרויס אַ ברום, אַ מיין.
ס'איז באַלד קיין גוף ניטאָ — נאָר אויגן
זעען ווי די ביימער
זענען זיך צעפלויגן.

ב

56698 — דאָס בין איך? — מסתמא?
כ׳דערקען זיך נאָר אין די חשבון־העפֿטן
פֿון די קינדער אין די קלאַסן.
אַלע שרײַבן זיי מײַן נאָמען גאָר פֿאַרקערט
פֿון פֿענצטער צו דער טיר.
ס׳איז גאָר קיין טיר ניטאָ, נאָר קראַטן,
פּאַסן ליכט און פּאַסן שאָטן, שאָטן, שאָטן...

אַ קראָפּעווע זופּ אין שקיעה,
גרינע הענט, עס וואַקסט דער שניי,
אַ שנייבאַרג זעצט זיך צו אַנטקעגן קראַטע.
כ׳צייל די שטאַנגען פֿון מײַן תּפֿיסה־צעל:
איינס און פֿינף און אַכט און צוואַנציק.
כ׳בעט אײַך וואַרפֿט מיר צו אַן אַנדער לעפֿל
ווײַל אַרעסטאַנט 56698
האָט אויפֿגעגעסן אי זײַן קראָפּעווע זופּ
אי זײַן טעלער, אי זײַן לעפֿל.

ג

כ׳קלײַב זיך
פון מײַן שמאָלן צימערל
אַרויסצופֿאָרן אין דער גרויסער װעלט
האָב איך אַפֿילו ניט קײן טשעמאָדאַן
אײַנצופּאַקן מײַן גאַנץ ביסל גאָרניט.

און לאָמיר זאָגן אַז כ׳האָב שוין יאָ אַ טשעמאָדאַן —
װוּהין װעלן מיר די פֿיס פֿאַרטראָגן?
אַז די גאַנצע װעלט איז ניט מײַנע
כאָטש די טײַכן שטראָמען אין מײַן אויג
און טרעפֿן זיך צונויף
אין מײַן שװאַרצאַפּל.

שװערע בערג זעצן זיך אויף מײַנע פּלײצעס
װי טונקעלע ציגײַנער אין אַ פּישוף-אָװנט
נאָר איך אַלײן װעל אין ערגעץ ניט דערפֿאָרן
װײַל מײַן באַן שטײט פֿאַזע װעג,
פֿאַזע װעג און ניט אויף רעלסן.

ד

בגדים פֿון מוזייען —
גרויער בלויער פּאַס,
כ׳וואָלט מיט אָט די פֿאַרבן
אויסגעמאָלט מײַן גאַס.

אין מײַנע בגדים-שורות
שרײַב איך אָן: כ׳פֿאַרבלײַב
אין אײַערע געוועבן
פֿאַרשפּונענע אין לײַב.

אין מוזיי פֿון שטויבן
פֿעדעמט זיך אַ האַנט
און פֿאַרנייט די שויבן
מיט בלוי און גרוי געוואַנט.

ה

געננג בין איך געזעסן אַ פֿאַרשפּאַרטער. געננג
געגעסן סקאָרינקעס, געננג
אַדורכגעזיפּט דורך מײַנע פֿינגער — לאַנגװײַל,
געננג געקאָרמעט זיך מיט ערגערניש,
געננג זיך אָנגעקוקט אין פֿרעמדע שפּיגלען
באַצויגענע מיטן הויך פֿון טויבע-שטומע װעלטן.

אָ, האַר פֿון די צעגאַנגענע שניי-מענטשן,
געננג מיט די ליצנות —
כ׳בין צו ערנסט!

ו

פֿרילינג. עס טאָגט מיט ווײַסן בעז
אַ טײַכל פֿליסט פֿאַרכלינױעט אין זײַן צויבער
און דורכן הימל שנאָבלען זיך אַדורך
פֿײַערן פֿון געבוירענעם שיגעון —
מלחמה.

דער ברונעם איז איבערגעלאָדן מיט עכאָס
ער פֿאַרנורעט זיך אין נאַסן שאָטן
באַלד וועט קומען אַן עמער
און זיך אײַנטונקען אין האַרץ פֿון זײַן חלום.

שאַ, זי דערנענטערט זיך צום ברונעם.
איר עמער שאָקלט זיך צום טאַקט
מיטן אויפֿרײַס פֿון שראַפּנעלן.
ס׳צעצינדן זיך גזלנישע שאַרפֿע אויגן,
קופּער-גלי און דונער פֿון משחיתים.

די אַרעסטאַנטן וואַרטן אויפֿן וואַסער
זי גייט צוריק באַלאָדן מיטן העלן זילבער
כ׳זע איר האַנט
שוועבט אַנטקעגן מײַנע אויגן
און טראָגט אַן איבערפֿולטן עמער וואַסער
נאָר זי אַליין צערינט אין פּורפּור
צו אירע פֿיס לייגן זיך די שטראַלן.

ז

זיץ ניט אין שטײַפן שאָטן
פֿון אָפּגענומענע פֿינגער.
דו דערוואַרעמסט דעם שטיין
מיט דײַן לעצטן ביסן אויוון פֿון דײַן פֿלייש
הויב זיך אויף איידער דער שטיין
וועט זײַן דײַן באַהייצער.

האַלט זיך אָן אָן מיר און לאָמיר
ביידע שפּרײַזן
צו די ווייכע גראָזן
צום אָטעם פֿון אַ שעה אַ ניט געשלאָגענע
פֿון קיינעם.
מיר'ן אַרײַנגיין אין די טאָוולען
פֿון אַ קינדער-מעשׂה —
זיבן קאַרליקעס וועלן
גיסן מעד אין שעה פֿון שקיעה
פֿאַר דיר, פֿאַר מיר,
פֿאַר דיר —
פֿאַר קיינעם ניט.

ח

מיט זיבן אויגן און האָסט אונדז ניט דערהיט
מיט זעקס פֿליגלען — און ניט באַשירעמט
מיט אַלע פֿינף פֿינגער פֿון דײַן רעכטער האַנט
און האָסט אים ניט פֿאַרהאַלושעט.

איז דען פֿאַראַן עמיצער וואָס איז
שטאַרקער פֿון מיר ?
— כ׳האָב טועם געווען פֿון אַלע ארבע מיתות-משונות
און יעדעס מאָל האָב איך אויסגעזונגען :
קדוש
קדוש
קדוש.

צווישן דין און ברירה
איז קיין ברירה ניט געווען.
כ׳פֿיל נאָך אַלץ דעם צוק פֿון איובס
ביידע אָפּגעשיילטע אַקסלען
און דו אַליין דערנענטערסט זיך
דורך שווערע וואָלקנס.
אחד —
אחד ובאין רואה.

צוויי שוועסטער

דבורה און סימאַ גאָרדאָן אין אָנדענק

איינע איז שענער פֿאַר דער צווייטער;
נאָר צווישן זייער שיינקייט
גייט אויס דער זומער,
ציען זיך לאָנקעס אומעט,
פֿאַלן טויט די בלעטער
אויף דײַנע אַקסל-שוועלן.

איינע איז שטילער פֿאַר דער צווייטער;
נאָר צווישן זייער שטילקייט
ברומען אויס פֿולברוסטיקע-האַרמאַטן
דעם טרויער-מאַרש פֿון געטאָס,
קריצן האַקן-קרײַצן
אויף די שויבן פֿון מײַן שלאָף.

איינע איז קליגער פֿאַר דער צווייטער;
נאָר צווישן זייער קלוגשאַפֿט
גייען מיר פֿאַרלאָרן.
ווייס קיינער ניט —
ווי מאַכט מען יונג
די שווערע ווײַסע ברעמען.

ס׳איז ניט קיין קאָרן וועג

ווער ס׳האָט אויסגעקליבן מײַנע וועגן
און אײַנגעפּעדעמט זיי אין רעבוס פֿון דער צײַט,
דער זאָל מיטגיין טראָט בײַ טראָט מיט מיר
און זײַט בײַ זײַט.

צום לאַבירינט פֿון נעכטיקע געשטאַלטן
פֿירט אַ פּערל-וועג געפּלאַסטערט מיט די ציין.
איך וועל עס ניט פֿון דיר באַהאַלטן —
אָט צעשפּיגל איך די פֿענצטער
פֿון מײַן מיין.

דו שוידערטסט, הלך: ניטע, ניטע
אָט וואַרט אויף אונדז אַ נײַער וועג-פֿאַרקריך.
ס׳איז ניט קיין קאָרן-וועג נאָר פֿעלדזן אָנגעגליטע,
פֿאַרגעס ניט אָנצוטאָן די שווערע שיך.

קינדער

פאַר משה יונגמאַן

זיי מוזן גרויס זײַן אין די קליינע שיך
און סטאַלנע אין געדאַנק פֿון פּריסטן עלטער
שפּילן זיי זיך באַהעלטעניש
אויף די טרעפּ פֿון די פּערזן.

די פֿינגער הויבן זיך אויף יאָ און ניין,
די זעלבע פֿינגער —
צייכענען אי קינד, אי זקן,
מיט דעם זעלבן לײַכטזיניקן-ערנסט
און מיינען אַז פּאַרזקנט ווערט נאָר ווער עס וויל.
און ווער עס וויל ניט
בלײַבט פֿאַרפּלאָפּט אין זײַן אייגענעם געוויש
און לויפֿט מיט די פּאַלאַנדרעס
אויף די שטאַפּלען
פֿונעם רעגנבויגן.

אַ טיר, אַ טרעפּל...

אַ טיר, אַ טרעפּל און אַ גאַנעק,
אַ מעדניצע מיט קאַרשן אָנגעפּילט
אַ בינטל ריחות פֿון צונויפֿגעבונדענעם רומיאַנעק
אַ דאַך וואָס האָט די דאַכלקעס שוין לאַנג פֿאַרשפּילט.

דער עמער וואַסער, דער אָנגעפּילטער דעמלט,
איז אַלץ פֿאַרדעקט מיט שווערן, ברייטן ברעט
אויפֿן טיש שווימט אַרום דער שאָטן פֿון מײַן זעמל
און דער זייגער איז שוין לאַנג צו שפּעט.

וואָס האָט געקענט די שעה זײַן פֿון ניט קענען
באַגעגענען דעם פּײַנט מיט האַק און ציין-געקריץ?
עס ברענען מײַנע דעכער אין אַזאַ מין ברענען
אַז מען זעט ניט ווי עס חתמעט זיך דער הימל
מיט פֿײַער שריפֿט — מיט בליץ.

זיי מיר די מכפּלה

זײַ מיר די מכפּלה פֿון נייַגער
אויף שאלות וואָס כ'האָב ניט געשטעלט,
זײַ ניט קיין חרטומישער שוויַיגער
וואָס טראָגט אַ פֿאַרשלאָסענע וועלט.

ברענגסטו מיר פֿרייד אַ מכפּלה;
וואַרף עס ניט אונטער נאָר זאָג:
כ'וועל זײַן צו דיר לעילא ולעילא
מיט מיין, מיט מאָס און מיט וואָג.

ווען איך נאָכגיין

ווען איך נאָכגיין בלויע הימלען. נאָכגיין, נאָכגיין
בלויע וועלדער, בלויע יאַגדעס אינעם בליק.
צעקנייטש ניט מײַנע אויסגעפּרעסטע פֿעלדער !
בלויע ווײַנען ברענען דורך די שטריק
וואָס צוימען דאָס באַשערטע גליק.

ווען איך נאָכגיין בלויע טײַכן. נאָכגיין, נאָכגיין
בלויע פֿייגל, זוכן אין די ביכער זייער פֿלי.
שלײַף מיר צו די אויגן. כ׳וויל זען די וועלט
צעבליט אין בלויען אינדערפֿרי
און כ׳וועל איר נאָכגיין, נאָכגיין, נאָכגיין.

ווינטער־ליד

ס'וועט רעגענען און רעגענען און רעגענען
מיר וועלןביידע זיצן ווי אַראָפּגעלאָזטע ווענט.
אויף דייַן פּנים וועל איך קוים באַגעגענען
באַקאַנטן אויפשייַן וואָס האָט אויסגעברענט.

וועסט זאָגן: די הימלען זענען אַלט, פֿאַרבויגענע
די ביינער טונקען זיך אין פריקרער קעלט.
וווּ זענען זיי די יאָרן די פֿאַרפֿלויגענע?
וווּ איז די גרינע פֿרייד וואָס האָט געקוועלט?

מייַנע מוזיקאַנטן ליגן אויסגעלייגט פֿאַרגעסענע,
עס טאָגט אַ מידע וועלט אין זייער בליק.
וואָס טוט מען מיט די פֿיס — ציפּרעסענע
וואָס שלאָפֿן איַין אין ריטם פֿון מוזיק?

דאָך וועט אויפֿהערן צו רעגענען, צו רעגענען
מיר וועלן ביידע אויפשטיין ווי פֿון שלאָף.
מיר וועלן זיך מיט קיינעם ניט געזעגענען
און קיינער וועט ניט וויסן אונדזער סוף.

ניט פֿאַרענטפֿערט

דאָס וואָס כ'האָב בײַ דיר ניט דערגעסן
וועט אויפֿגיין אויף די גרינע פֿעלדער
ווען כ'וועל אויפֿמאַכן די שוועבנדיקע טירן
פֿון חלום.

דאָס וואָס כ'האָב בײַ דיר ניט דערטרונקען
וועט זיך אָפּזעצן ווי ווײַן אין שפּעטע טרערן
כ'וועל זיי אויסזופּן און זוכן
די שוועלן פֿון פֿאַרגאַנגענע גן-עדנס.

דאָס וואָס כ'האָב בײַ דיר ניט געפּסקנט
וועט בלײַבן ניט פֿאַרענטפֿערט ווי די שאלה:
פֿאַרוואָס ביסטו אַרײַנגעשווומען
אין מיטן
פֿון עמיצנס חלום?

אין סאַמע ברען

אין סאַמע ברען, העט ווײַט אַרײַן אין תמוז
שטעל איך צו אַ שאָטן צו מײַן קאָפּ
ער שיסט אַרויס אַ בוים, אַ סטאַדע שאָף —
וואָס טובלט זיך אין טונקל-ווײַטע פּאַנאָראַמעס.

שווערער תמוז גלי, איך מוז פֿאַרליקוי חמהען.
וואָס טונקעלער ס'וועט זײַן אַלץ קלאָרער קענסטו זען
ווי ס'שיטן אָן די שורות פֿון דײַן פּען
אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך, אין דײַנע דלת אמות.

מײַן מאַמעס ייִדיש

א

מײַן תנא־ברא האָט זיך אויסגעשמירט אין דזיעגאַכץ,
ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מחותּן פֿון אַ אַקס.
פֿון וואַנעט וועל איך נעמען אויף אַ פּאָר נײַע
קאָרטענע־הויזן: קראַסאַוואָטשיק מײַנער.

מען שטאָפּט שוין ניט קיין גילזן
און מען שטאָפּט שוין ניט קיין גענדז,
דער גילדן איז אין באַנק פֿאַרמאַכט
אויף שלעסער צען.
די גרעט וועל איך שוין וואַשן אַליין, ניט געסינקעט.
קוק אַרײַן: די טון איז ליידיק
ניטאָ קיין קרויט
און עס זינגען ניט די אוגערקעס אין פֿאַס.

באַלד איז פּסח און פֿאַר דיר אַ פּאָר
קאָרטענע־הויזן מוז איך קויפֿן.
זאָג אַליין — ווער דו בינסט!

ב

אַ דריידל, אַן אָנגעגאָסענע מיט בלײַ-זאַפּט
שטייט אַ לאַנגע שמונה-עשׂרה און אין טאָפּ
פֿאַלן צו צום דעק די קנײדלעך.
ווער פֿון זיי איז בילכער
אין יום-טוב פֿון די דריידלעך?

ג

איז שוין ר' אַברהם דער באָלץ אויך אַוועק.
אײַ, אײַ, אַ שטאַרקער ייד
געווען.
ווען עס וואָלטן זיך זײַנע וועגענער
וואָס ער האָט אָפּגעשמידט
אויסגעשטעלט אין אַ קאָלייקע
און ער וואָלט זיי געדאַרפֿט אויסטראַטעווען
מיט זײַנע פֿיס, וואָלט ער נאָך געהאַט
אַ קימא-לן אַ שטיקל וועג צו פֿאָרן.

ד

אויפֿן איילן-בויגן פֿון דער וואָכעדיקער מאַרינאַרקע
האָב איך אַרייַנגעשטעלט אַ שייַבל — צום קאָליר.
כ'האָב עס פֿאַרסטריגעוועט מיט אַ שטאַרקע דראַטווע
און דאָס פֿאַסט ווי די מזוזה צו דער טיר.

דו גייסט זיך שפּילן מיט די קינדער; זע פֿאַרגעס ניט,
כ'זאָל ניט דאַרפֿן אויסקוקן די אויגן און איך לאָז
פֿאַר דיר דאָס אויסגעסקראָבעטע פֿון די פֿאַרברענטע.
לויף, מייַן קינד, פּאַמעלעך, דער אייַז — איז גלאָז.

יולי 1969

ס'וועלן קומען טעג

א

קען זײַן עס וועלן ווידער קומען טעג
מיט שטולן בײַ די טרעפּלעך
מיט סעמיטשקעס און לאַנגע רייד
וואָס פֿאַרענדיקן זיך אַלע מאָל מיט
„איז האָט מיר אַ גוטן... און וואָס איז די
אײַלעניש ז'" זיצט מען ווידער
אויף די גאַניקעס
אַלע הערן ווי דער ווינט זאָגט גוט-מאָרגן
מען זעט ווי עס טאַנצן אויס געבלומטע פֿאַטשיילעס
אויפֿן שטריק אַ נאָכמיטאָגס, אַ פֿאַרנאַכטס.
פֿון די לאַנגע רייד לענגערן זיך די שאָטנס
און לאַנגע שאָטנס זאָגן אָן
אַז אָוונט איז שוין נאָנט.

שאַ, עס וועלן ווידער קומען טעג
מיט פֿאַרמעטענער שטילקייט
אָנגעפּיקעוועט מיט חכמה
פֿון אַלטע מגילות.

ב

דערוויַילע פֿאַרעלטערן מיר זיך צעגפֿאַכיק
עלעהיי מיר וואָלטן געלעבט אין
אַן ענגן ספּוטניק, העכער איבער בוימער
און מיר פֿאַרציילן זיך אין חשבון
פֿון זריחות און שקיעות.

מיר לאָזן זיך אָנוואַקסן לאַנגע האָר
מחמת אונדזער אומגעדולד
ווידער צו זײַן ייִנגער אין אונדזער עלטער.

אונדז זאָלט איר קיין באָקסער־בוימער
ניט שיקן פֿלאַנצן
ווײַל אמתע זיבעציק יאָר
זענען בײַ אונדז
אַ כמעט דערזופּטער אין־סוף.

עראָפּלאַנען פּאַטשן מיט די פֿליגלען:
אַ שעה — אַ רגע.
אַ טעלעפֿאָן פֿאַר דיר
פֿון דער לבנה,
אַ רגע בלויז, איך קום שוין.

ס'וועלן קומען טעג...

פאַרלאָרענע שפּורן

א

מאַמע, כ'האָב פאַרלאָרן דעם וועג,
וואָס האָט געפירט פון דיר צו מיר
און פון מיר צו דיינע זילבער שוועלן.

איך בין אַוועק — אַ בלויע קריע אייז
אויף פרילינגדיקע, ברייטע טייכן.
פאַרפלויגן בין איך ווי אַ בלאַט פון צווייג,
ווען עס זאָגט דער האַרבסט צו ביימער:
„איצט וועל איך אייך אַנטקרוינען
און וועל אייך איבערגעבן אין רשות פון ווינט".

איך בין אַוועק — נאָכגעגאַנגען הימל איין
און הימל אויס,
מיט האָריזאָנטן זיך באַגריסט און זיך באַגעגנט.
מיט דיינע ליפּן, מאַמע, האָסטו אויף מיין האַלדז
אַ שאַליקל פון דינע קושן אויסגעפּיילט
און מיטגעגעבן מיר אַ קאָשיקל
מיט בענקשאַפט.

ב

איך בין אַוועק...
מײַנע שפּורן האָב איך איבערגעלאָזט בײַם ברונעם,
וואָס האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרזעצט זײַנע עמערס
אין די לאָמבאַרדן פֿון פֿאַרגעסונג.

כ׳בין אַוועק...
בין איך דען דערפֿאָרן ווען צו אַ סטאַנציע פֿון רויך?
צום קרעכץ פֿון נאַכטיקע וואָקזאַלן?
מײַנע פלענער זענען אויסגעגאַנגען
אונטער רעדער פֿון אַ באַן
מיט אויסגעזעצטע שויבן.

צווישן פּאָגראָם און פּאָגראָם
האָט אַ וועלט אַן אומגעלומפּערטע
זיך געפּלאָנטערט אונטער מײַנע פֿיס.
ווער האָט אויסגעיאָמערט מײַנע סטראָפֿן,
פֿאַראיכהט מיר מײַן שיר השירים?
וויפֿל איז דער שיעור צו שטיין געבונדן
אונטער אויסגעווייקטע הימלען
און צו שווײַגן?

ג

מאַמע, כ'בין דערפֿאָרן צו זיך,
נאָר ס'איז מיר שווער זיך אַליין צו דערקענען.
כ'רין אויס דורך די אייגענע פֿינגער,
כ'זוך דײַנע שפּורן
אין שטומען שפּיגל פֿון געשליפֿענעם ניט-זײַן.

כ'קען דײַן האַרץ, ס'איז אָן אַ שאָלעכץ,
ס'איז נאָר קערן, קערן, קערן.
כ'בין פֿון דיר אַרויסגעוואַקסן, פֿון דײַן פֿרייד
באַזאַלצט מיט פֿרישע טרערן.

אין די מקווהס פֿון דײַן צער
האָב איך מיר פֿאַרשפּונען, אײַנגעוויקלט.
ווי אַ זומער-פֿייגעלע צו אַ זילבערנעם פֿאָנאַר —
בלײַב איך צוגענאָגלט צו דײַן צויבער-עיגול.

יאַנואַר 1967

אין זיסקייט פון מילגרוים

א

אַרײַנקריכן מיט דיר אין זיסקייט פֿון רימון
צווישן די אָנגעפּיקעוועטע יאָדרעס מאַכן אַ געלעגער
מיר וועלן זיך אויסליגן אין דער רײַפֿקייט
פֿון האָניק-זומער
ווען ווילדע בינען בויערן אין שאָלעכץ
ווען ווילדע בינען קלעפּן פֿרעמדן האָניק אָן
און פֿאַרקנעטן זיסקייטן מיט זיסקייט.

ב

מיר האָבן אַלץ וואָס באַשעפֿענישן דאַרפֿן:
וואַרעם, ריין, אַן ענגשאַפֿט אַ דערהויבענע.
מיר וואַקסן מיט די יאָדרעס אויפֿן חשבון פֿון דער צײַט,
וואָס האָט קיין צײַט ניט פֿאַרן חשבון
פֿון האַרבסטיקן צעפֿלי-צעפֿאַל.

ג

מיר שלאָפֿן אין הייל פֿון רימון
ווי רשב"י אין הייל פֿון די פֿײַגן
אַרום אונדז שטייט אין קאָן
אַ פֿאַרעקשנטער שווײַגן.

איך הער ווי דו עפֿנסט אַן אויג,
און אין אָט-דעם געקנייטש פֿון דײַן שטערן
איז אַפֿילו ניטאָ קיין אָרט
פֿאַר אַ פּאָר אמתע טרערן.

ענג ווי אין בעכער פֿון צײַט
בין שבת לחול, בעת הבדלה
כ'דריי מיך איבער צו זיך
און קלער דיר אַנטקעגן פּאַוואָליע.

ד

דו זאָגסט שוין צײַט אַדורכצובויערן
אין שאָלעכץ, כאָטש אַ טויערל אַ קלײַנס
און אויסשטרעקן אַ האַנט
צום בליאַסק פֿון שטראַל, צו אָפּגעמאָלטע בלעטער.

בין איך דען ווייניקער פֿון פֿאַרב־געמיש ?
זע, דער קינסטלער־האַרבסט פֿאַרלייקנט זיך אַליין
און איז צעטומלט אינעם אויסקלײַב
פֿון די פֿאַרבן.

נאָר איך בלײַב דיר אַלע מאָל געטרײַ.

ה

די אָפּגעזעגטע טעג ווי אַלטע קלעצער
זענען זיך צעפֿאַלן.
ס׳קומען נײַע טעג — געשנורעוועטע פּליטן
אויפֿן בליענדיקן טײַך.

אָנגעגאָסענע מיט זיסקייט פֿון רימון
לויפֿן מיר זיך טרעפֿן
בכדי מיר זאָלן ווידער ווערן גרויס.

1971

יובל

א

איך בין שוין באַלד פֿופֿציק
נאָר קיין איינער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק
אַז איך בין שוין באַלד.
מייַנע קעמלען פֿירן נאָך אַלץ אַהער און אַהין
אַ פּוסטן מידבר אויף די האָרבן.

פֿופֿציק שמיץ האָב איך באַקומען
צו מייַן צוואַנציקסטן געבוירן-טאָג
דאָס אַרייַנגעשמיסענע האָט צעבליט אין מיר
אַ בלויען פֿעלד פֿון אותיות.
פֿון דאַן אָן קוועל איך מיט טונקעלער שריפֿט,
און כ'האָב מורא זיך אַליין צו לייענען.

ב

ווי שפּעט איז? — פּופּציק,
דער קליינער ווײַזער ווײַזט מינוס דעם קרן
און דער גרויסער ווײַזער פֿאַרהאַלט זיך
אַ רגע אויפֿן ציפֿער-בלאַט, גאַנץ אויבן.

אַ קוקאַווקע קומט אַרויס
מורמלט אָפּ אַ פּאָר קלאַנגען און פֿאַרשליסט זיך
צוריק אין טורמע פֿון די טיק-טאַקן.

צווישן דעם גרויסן און דעם קליינעם ווייזער
איז גאָרניט פֿאַרשריבן,
ס'פֿעלן אַ סך שעהען.
די קוקאַווקע ווייסט ניט אַז די טורמע
איז פּוסט.

1971

אינהאלט

אין דײַנע טויערן

ירושלים 7
אין דײַנע טויערן, עכו 11
בראשית 14
ג ז ר 15
ערב שלאַכט 16
נאָכן שלאַכט 17
צוויי דאַטעס 19
אין זומערדיקן מידבר 20
ס י נ י 21
חרמון 22
תל־עזיזיאת 23
צווילינג שטאָט 24

קרוינען אין שאָטן

יחזקאל
פֿאַרלאָזענע שטאָט 31
אינטערוועגס 33
ביים נהר כבר 35
צו די זקנים 39
צווישן ערד און הימל 40
פּלטיאל בן ליש
צווישן פיר אויגן 43
בײַנאַכט אויפן געלעגער 44
פּלטי זינגט פאַר מיכלן 45
בת קול 46

ר ע ש ע

די זעלבע זילבן 51
אַ מחנה טונקעלע שטיבער 52
דער פערדן־שטאַל 53
ווי אַ שטרוי 57
פּאַני וואַסילעווסקאַ 59
אויסגעשטאַנענע שטילקייט 61
נאָכליד 62

אין זיסקייט פון מילגרוים

פון אַלטן אַרעסטאַנטסקן פּנקס 65
צוויי שעווסטער 73
ס'איז ניט קיין קאָרן־וועג 74
ק י נ ד ע ר 75
אַ טיר, אַ טרעפּל... 76
זיי מיר די מכפלה 77
וועל איך נאָכגיין 78
ווינטער־ליד 79
ניט פאַרענטפערט 80
אין סאַמע ברען 81
מיין מאַמעס יידיש 82
ס'וועלן קומען טעג 85
פאַרלאָרענע שפּורן 87
אין זיסקייט פון מילגרוים 90
י ו ב ל 93